# פרשת ויקרא

## בס"ד. חלק משיחת י"א ניסן תשמ"ג

**רשימה פרטית – בלתי מוגה**

גלייך בהתחלת הסדר איז גלייך דא די הכרזה פון "כל דכפין ייתי וייכול" און "כל דצריך ייתי ויפסח", און כדי דאס זאל זיין צוגענגליך פאר יעדערן און פאר אלעמען זאגט מען דאס אין לשון המדינה – ווי ס'איז געווען בזמנם – אין לשון ארמית,

וואס דאס איז בהדגשה נאך מערער אין דעם ענין הצדקה, וואס אין ענין הצדקה –

ווי די גמרא דערציילט אין תענית[1], אז פארוואס איז א צדקה וואס האט געגעבן אשת חלקיהו האט מער אויפגעטאן ווי זיין צדקה? דערפאר וואס זיין צדקה – פון דער מאנסביל – איז דאס געווען צדקה בממון, במילא האט ער דערנאך – דער עני – געדארפט גיין און נעמען פון דעם ממון, און קויפן לחם "לפי הטף", פאר אשתו ובני ביתו, אדער פאר זיך.

מה-שאין-כן די צדקה וואס ס'האט געגעבן די אשתו בביתה, האט זי דאך געגעבן די צדקה בלחם אדער בבשר ובמאכל וכיוצא בזה, האט דער עני דאס גלייך געקענט נעמען און טאן דערמיט די כוונת הצדקה – להחיות נפשו ונפשות בני ביתו.

וואס דא זעהט מען די הדגשה: דא איז ניט א זאך אז מ'זאגט א עניין ווי אין מבצע פסח, אז פאר פסח גיט מען אים געלט, און דערנאך דארף ער ערשט גיין, און האבן די טרחא אויף דערפון באקומען די צרכי פסח; אדער מ'גיט אים חיטים, און ער דארף דערנאך גיין באקן, און דערנאך מאכן די ענין אז ס'זאל זיין כשר וכולהו וכולהו –

נאר מ'גיט אים די הכרזה און די הזמנה, ער זאל קומען אויף א פארטיקע זאך, ער דארף מערניט ווי קומען – אויב ער איז נאר "דכפין" און "ייתי", וועט זיין גלייך דער "וייכל"!

און נאך מערער: דא רעדט זיך ניט וועגן לחם צר ומים לחץ, נאר דאס רעדט זיך דער "וייכל" מיינט מען דאס - "ויפסח", ער זאל עסן דרך חירות, און עסן דעם פסח ווי מ'דארף עם עסן – על השובע, אז נאך

1) דף כג, ע"ב.



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת ויקרא

פריער האט מען אים געגעבן דעם "ייכל" עד כדי כך אז דערנאך איז דער "ויפסח" "הנאכל על השובע"[2].

ובפרט נאך אז מ'קוקט זיך צו, ווי אזוי א אידישע בעל-הבית'טע הארעוועט, און טוט כל המצטרך – סיי ביי טאג און סיי ביינאכט, ביז וואנענט אז זי טרייבט ארויס די מאן ער זאל איר ניט מבלבל זיין – אין מאכן די הויז כשר'דיק - אדער דער קיך כשר'דיק - און מאכן די כל הכנות לפסח, און דאס איז אלץ כדי עס זאל זיין א חג הפסח כשר, און אויך א חג הפסח דרך חירות – במילא חג הפסח שמח !

דערנאך קומט צוגיין א ווילד-פרעמדע מענטש, וואס זי זעהט אים דעם ערשטן מאל, און זאגט אז איר מאן האט אים איינגעלאדן, און האט געבעטן זיך ביי אים; ניט ער האט זיך אנגעשלאגען: ער האט גארניט געוואוסט דערפון, ער איז דורכגעגאנגען אין גאס, האט ער דערהערט דורכן פענצטער אז מ'זאגט אים אין דער שפת המדינה, אז אויב ס'איז דא "דכפין" – דארף ער ניט קלאפן אין טיר; דארף ער ניט בעטן קיין רשיונות; און דארף זיך ניט אפווישן די פיס וכולהו – ער דארף מערניט זאל זיין "וייתי", אז ער וועט אריינגיין, האט ער מן המוכן "ייכל", און האט מן המוכן "ויפסח".

און אף-על-פי-כן טוט מען דאס גופא אין אן אופן של שמחה – "מועדים לשמחה" – און מ'טוט דאס בקול רם, און זי איז זיך משתתף אלס א מלכה אין דעם סדר וואס איר מאן איז דער מלך –

וכידוע דער מנהג ישראל, אז מ'האט אנגערופן יעדער בעל-הבית בביתו, און דער עקרת הבית זיינע – די בעל-הבית'טע, אז דאס איז דער טאג אין יאר ווען ער איז דער מלך און זי איז די מלכה,

ניט קוקנדיק וואס ערב פסח זיינען זייביידע געווען פאריאגט און פארהאוועט און פארשוויצט וכולהו ביז אין עבודת פרך פון קייקלען און שטעכן און שטופלען און שלעפן מיט אלע ענינים – ווי ס'פירט זיך אין יעדער אידישער הויז, אלס הכנה לפסח ובפרט לערב פסח –

איז "משקידש היום" איז אט דעמאלט זעצט ער זיך אוועק אלס א מלך, און זי אלס א מלכה, און מ'לאדט איין כל אנשי המדינה, אויב דארט איז דא עמעצער וואס "כפין" אדער "צריך" – איז אט דעמאלט לאדט מען אים איין אל שלחן המלך והמלכה, און מ'גיט עם עסן כיד המלך, ווארום דאס איז א מלך מיט א מלכה.

---

2) פסחים דף ע', ע"א. שו"ע אדמו"ר-הזקן ר"ס תעז.


© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת ויקרא

וואס אין להאריך בביאור וואס איז דערפון די הוראה, און וואס איז דער "מעשה הוא העיקר" בכל עניינים אלו: דאס איז מובן מעצמו ובפשטות,

מערניט ווי מדגיש זיין, אז בשעת מ׳זאגט "זכר ליציאת מצרים"[3], איז דאס ווי אלע עניינים אין תורה – דאס איז ניט דער פירוש הדבר און תכלית הדבר אז "בפיהם כבדוני" – אז מ׳זאל זאגן בפה "זכר ליציאת מצרים": דער תכלית ושלימות הקיום איז אז דער "זכר ליציאת מצרים" ווערט – פון דעם "נזכרים" – ווערט "נעשים"!

ער וועט אים ניט געבן קיין פיר כוסות מיט דריי שמורה מצה מיט פסח וחגיגה באמצע השנה, ווארום דעמאלט איז דאס ניט זמנו. אבער לולא זאת, האט ער ביי אים אלץ וואס ער האט, וכמבואר בארוכה אין די דרושים וואו ס׳רעדט זיך וועגן אמיתיות ענין הצדקה, ביז דעם דין אין שולחן ערוך אז דאס דארף זיין בסבר פנים יפות, מיט אלע תוצאות וואס קומען ארויס פון סבר פנים יפות לאמיתתם על פי תורת אמת.

וכאמור, אט דאס איז די התחלה, נאך פאר די התחלת פון אמירת "עבדים היינו", וואס זי קומט ערשט לאחרי פון "מה נשתנה", איז שוין דא די הכרזה פון "כל דצריך" און "כל דכפין".

—— • ——

3) ואתחנן פרק ה׳, פסוק טו.



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.